קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
רבינו **אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## ויחי

גליון כ' - שנת תשפ"ד לפ"ק

• **אידיש** •

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

כל הזכויות שמורות

## וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה וַיְהִי יְמֵי יַעֲקֹב שְׁנֵי חַיָּיו שֶׁבַע שָׁנִים וְאַרְבָּעִים וּמְאַת שָׁנָה.

**א)** רש"י זאגט: **"ויחי יעקב - למה פרשה זו סתומה לפי שכיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם"** - פרשת ויחי איז א 'סתומה', ווייל ווי נאר יעקב אבינו איז נפטר געווארן, זענען די אויגן און הערצער פון אידישע קינדער געווארן פארשטאפט פון די צרות וואס מען האט זיי אנגעהויבן משעבד זיין. לכאורה דארף מען פארשטיין, דער שעבוד איז דאך געווען עבודת הפרך וואס דער גאנצער גוף ווערט אויסגעמאטערט דערפון, נו, פארוואס כאפט ער אָן דוקא די אויגן און דאס הארץ?

**ב)** רש"י זאגט נאך א פשט: **"דבר אחר, שבקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו"** - יעקב אבינו האט געוואלט אנטפלעקן דעם 'קץ' פון לעתיד, אבער מען האט עס פארהוילן פון אים, כדי ער זאל עס נישט מגלה זיין. דער **זרע קודש** (ד"ה האספו) זאגט: אז דאס איז געווען א גרויסער חסד ה', ווייל טאמער וואלט יעקב אבינו מגלה געווען ווילאנג דער גלות וועט זיך ציען, וואלטן אידן אין אלע דורות געהאט א געוואלדיגן צער - וואוסנדיג אז מען וועט נאכנישט אזוי שנעל ווערן אויסגעלייזט. אבער וויבאלד ער האט עס נישט מגלה געווען, האפט יעדער איד א גאנצן צייט אז משיח זאל שוין שנעל אנקומען. לכאורה לויט דעם, דארף מען פארשטיין: פארוואס טאקע האט יעקב יא געוואלט מגלה זיין פאר אידן, אז דער קץ וועט נאך נעמען אזוי לאנג? וואספארא תועלת וואלטן אידן געהאט דערפון?

**ג)** אין **מדרש** (ב"ר צו, ג) שטייט נאך א פשט: **"דבר אחר, למה היא סתומה מפני שסתם ממנו כל צרות שבעולם"** - די זיבעצן יאר וואס יעקב אבינו איז געווען אין מצרים, איז פארמיטן געווארן פון אים אלע סארטן צרות פון דער וועלט, ווייל יוסף האט אים צוגעשטעלט פונעם בעסטן, און ער האט דארט געלעבט במנוחה ובשלוה. לכאורה האט דאך יעקב אבינו גאנץ גוט געוואוסט, אז דא הייבט זיך אָן דער ביטערער גלות מצרים - וואס מען האט געהאט געוויזן פאר אברהם אבינו ביים ברית בין הבתרים. נו, ווי קען זיין אז

ער האט נישט געוואוסט פון קיין צרות? דאס עצם זאך אז מען איז אראפגעקומען קיין מצרים, און עס ווארט דא אפ אזא מין עתיד פון 'ועבדום וענו אותם' מיט אן עבודת הפרך איז דאך שוין די גרעסטע צרה?

**ד)** סוף סדרה שטייט (בראשית נ, טו): "**וַיִּרְאוּ אֲחֵי יוֹסֵף כִּי מֵת אֲבִיהֶם**" - יוסף'ס ברידער האבן געזען אז דער טאטע איז געשטארבן. לכאורה איז שווער דער גאנצער לשון: צי דען האבן בלויז **זיי** געזען, עס איז דאך געווען א דבר ידוע, וואס יעדער האט מיטגעהאלטן; ווי עס שטייט (בראשית נ, ג): "וַיִּבְכּוּ אֹתוֹ מִצְרַיִם שִׁבְעִים יוֹם" - אפילו די מצריים האבן אים באוויינט?

**ה)** ווייטער שטייט אין פסוק: "**וַיֹּאמְרוּ לוּ יִשְׂטְמֵנוּ יוֹסֵף וְהָשֵׁב יָשִׁיב לָנוּ אֵת כָּל הָרָעָה אֲשֶׁר גָּמַלְנוּ אֹתוֹ**" - זיי האבן געזאגט, אפשר וועט יוסף אונז פיינט האבן און צוריקצאלן פאר די אלע שלעכטס וואס מיר האבן אים אפגעטון. לכאורה איז דאס נישט צום פארשטיין: עס איז דאך שוין דורכגעגאנגען זיבעצן יאר פונעם 'התגלות' וואס יוסף האט זיך מגלה געווען צו די ברידער און ער האט זיי בארואיגט מיט דברי פיוס, און זיי האבן געזען אז יוסף וויל בלויז עס זאל זיין שלום און אחדות צווישן זיי. נו, וואס האבן זיי יעצט אנגעהויבן צו ווערן צוריק באזארגט אז ער וועט זיך נוקם זיין אין זיי? און כאטש **רש"י** פראבירט עס מיישב צו זיין, אז זיי האבן געזען אז ער עסט נישט מער אינאיינעם מיט זיי, איז אבער נאכאלץ שווער צו זאגן, אז צוליב דעם וועט יוסף גיין אזוי ווייט, ביזן ממש זיך נוקם זיין אין זיי?

**ו)** ווייטער שטייט אין פסוק: "**וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף אַל תִּירָאוּ וגו' וְאַתֶּם חֲשַׁבְתֶּם עָלַי רָעָה אֱלֹקִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה לְמַעַן עֲשֹׂה כַּיּוֹם הַזֶּה לְהַחֲיֹת עַם רָב**". יוסף האט זיי בארואיגט, אז זיי דארפן זיך גארנישט זארגן, ווייל אלעס איז געווען לטובה. קומט אבער דער **רבינו בחיי** (ד"ה ויבך יוסף), און ער זאגט: "יוסף האט זיי טאקע בארואיגט, אבער מען זעט נישט אין פסוק, אז ער זאל זיי למעשה 'מוחל' זיין. און דערפאר איז געבליבן א חטא פון 'מכירת יוסף', וואס האט געמוזט שפעטער נתכפר ווערן דורך דעם עונש פון די עשרה הרוגי מלכות". לכאורה איז זייער שווער, ווי קען טאקע זיין אז יוסף האט נישט בפירוש מוחל געווען דערויף? ער האט דאך זיי אזוי

שטארק געוואלט מטיב זיין און ווייזן אז ער האט נישט אויף זיי קיין שום טינא בלב, און זיי האבן אים דאך געבעטן: "אנא שא נא פשע וגו'", און נאכאמאל "ועתה שא נא לפשע", אבער למעשה האט ער נישט געזאגט אז ער איז זיי מוחל?

**ז)** דער **מדרש** (שמו"ר נא, ז) זאגט: **"במה אתה מבקש שישתעבדו בניך בגיהנם או בגליות וכו' בירר לו הגליות"** - דער אייבערשטער האט געפרעגט פון אברהם: "מיט וואס זאלן דיינע קינדער ווערן משועבד, מיט 'גיהנם' אדער 'גלות'?" האט אברהם אויסגעוועלט 'גלות'. לכאורה דארף מען פארשטיין: דער גלות איז דאך אזוי ביטער און אזוי לאנג, נו, פארוואס טאקע האט אברהם ענדערש אויסגעוועלט גלות?

**דוקא דורכן גלות - וועט מען אנקומען לעתיד צום גרעסטן אור**

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. די גמרא זאגט (שבת ל.): **"במתים חפשי כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצות"** - אויף יענער וועלט קען שוין א מענטש נישט מוסיף זיין אין תורה און מצות. ממילא, קען מען פארשטיין דעם חילוק צווישן 'גיהנם' און 'גלות', ווייל ווען א נשמה קומט אפ דורך די יסורי גיהנם, ווערט זי טאקע 'מזוכך' פון אלע חטאים, און זי גייט צוריק 'למקור מחצבתה'. אבער ווען א מענטש קומט אפ מיט יסורי הגלות, קומט צו נאך א מעלה, אז כאטש דער איד ליידט אזויפיל צער און יסורים, דאך איז ער כסדר פארנומען צו מקיים זיין די תורה! ער האט מסירות נפש צו לערנען און דאווענען, און טון מצוות און מעשים טובים - טראץ דעם ביטערן הסתר פנים! דאס איז נישטא אין גיהנם. און דעריבער, וועט דער גלות ברענגען צו אסאך א העכערן תכלית, אז נישט נאר מען ווערט 'מזוכך' דורכדעם, נאר מען וועט זוכה זיין דורכדעם צו א געוואלדיגן עתיד! דער ביטערער גלות וואס מיר ליידן יעצט, דאס וועט אונז ברענגען א מין נצחיות'דיגן אור, אזא מין מתיקות און עריבות, און אזא מין שמחה - וואס וועט קיינמאל נישט בטל ווערן! מען האט דאך נישט קיין השגה, די התגלות'ן און הויכע השגות וואס מען וועט זוכה זיין לעתיד. און דערפאר האט אברהם ענדערש אויסגעקליבן 'גלות' ווי 'גיהנם'.

**צדיקים שפירן דעם אור פון לעתיד**

**דער** הייליגער **נועם אלימלך** (פרשת תרומה ד"ה א"י ויקחו) זאגט, אויפן מאמר חז"ל (ברכות יז.): **"עולמך תראה בחייך"**, אז דער צדיק שפירט שוין יעצט אין זיין עבודה, א תענוג פון עולם הבא, כאילו ער איז שוין יעצט נהנה מזיו השכינה.

**עס** קען אפשר זיין, אז די צדיקים מוזן דאס מרגיש זיין, כדי זיך צו קענען דערהאלטן. ווייל זיי שפירן דאך אזא געוואלדיגן צער פון 'שכינתא בגלותא', און זיי זענען מרגיש דעם צער פון כלל ישראל ברוחניות און בגשמיות, אז זיי וואלטן דאס נישט געקענט אויסהאלטן. ממילא גיבט מען זיי שוין יעצט א שטיק תענוג פונעם עתיד, כדי זיי זאלן האבן א חיות און קענען אויסהאלטן די יסורים.

**יעקב אבינו האט געזען דעם נצחיות וואס דער גלות וועט ברענגען**

**אזא** בחינה קען מען אפשר זאגן, איז אויך געווען ביי יעקב אבינו, ווען אויפן וועג אראפ צו דעם ביטערן גלות מצרים - וועלכע איז געווען די התחלה פון אלע אנדערע גלות'ן - האט אים דער אייבערשטער געזאגט אזעלכע מורא'דיגע דיבורים (בראשית מו, ד): **"אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה וְאָנֹכִי אַעַלְךָ גַם עָלֹה"**, וואס אין דעם ליגט דער גאנצער עתיד פון כלל ישראל. דא האט אים דער אייבערשטער מגלה געווען אז די גאנצע 'ירידה' קיין מצרים איז א צורך פאר אזא געוואלדיגע 'עליה', אזא מין 'אעלך גם עלה' - וואס מיר האבן גארנישט קיין השגה דעריןו! אודאי איז אויך געווען נכלל אין דעם 'אנכי' - דער 'אנכי ה' אלקיך' פון מתן תורה, און אלע התגלות'ן וואס כלל ישראל האט שוין זוכה געווען פון דעמאלט ביז היינט, דער נעימות און עריבות התורה וואס אידן בכל הדורות שפירן אין דער תורה וכדומה. אבער דאס איז נאך אלץ גארנישט - קעגן דעם 'אעלך גם עלה' וואס וועט ארויסקומען לעתיד פון דעם לאנגן גלות! דאס איז אזא מין אור וואס וועט שיינען אָן קיין שיעור וערך, ממש אויף אן אופן וואס עס איז 'אין הפה יכול לדבר ואין הלב יכול לחשוב'! ווי דער **עבודת ישראל** שרייבט (פרשת ויצא ד"ה וזה רמז): "לויט ווי גרויס דער חשכות פונעם גלות איז, קען מען דערפון פארשטיין ווי גרויס עס וועט זיין דער אור לעתיד לבוא". און דער **זרע קודש** שרייבט אויך (פרשת ואתחנן על הפטורה נחמו): "לעתיד ווען דער אייבערשטער

וועט נתגלה ווערן, וועט אונז זיין אזוי זיס צו דינען דעם אייבערשטן, אז מיר וועלן נישט האבן קיין חשק מפסיק צו זיין קיין איין רגע פון עבודת ה', צו גיין נעמען נקמה אין די גוים". און דאס אלעס האט יעקב אבינו משיג געווען און געזען מיט זיין רוח הקודש, ווייל דאס איז אלעס געווען נכלל אין דער הבטחה פון 'אנכי אעלך גם עלה'.

**זייענדיג אין מצרים האט ער נישט געוואוסט פון קיין צרות**

**דאס** זאגט דער מדרש: **"שסתם ממנו כל צרות שבעולם"** - זייענדיג אין מצרים האט יעקב אבינו נישט געוואוסט פון קיין צרות, כאטש וואס ער האט זייער גוט געוואוסט וועלכער גלות קומט דא צו גיין, און ער האט דאך אויך געוואוסט פון אלע קומענדיגע ביטערע גלות'ן וועלכע קומען צוגיין; ווי דער **מדרש** זאגט (ב"ר סח, יד) אז ביי דער מראה פונעם 'סולם מוצב ארצה' האט מען אים מרמז געווען אלע ארבע מלכיות. און מן הסתם האט ער אויך געזען אלע דורות ביז משיח וועט קומען - אריינגערעכנט אונזער נידריג דור - ווי די **גמרא** זאגט כלפי אדם הראשון (סנהדרין לח:): **"מאי דכתיב זה ספר תולדות אדם מלמד שהראהו הקדוש ברוך הוא דור דור ודורשיו דור דור וחכמיו"**, און בפשטות איז דאס איבערגעגאנגען פון אדם ווייטער צו די קומענדיגע דורות, און יעקב האט עס מקבל געווען פון שם ועבר. אבער מיט דעם אלעמען, האט יעקב אבינו נישט געוואוסט פון קיין שום צרה! ווייל ווי קען מען דאס בכלל אנרופן 'צרה', ווען עס ברענגט אזא ריוח און אור? דער גלות האט בכלל נישט פארנומען קיין פלאץ ביי אים - וויבאלד ער האט געוואוסט וואספארא לעכטיגער עתיד עס וועט ארויסקומען דערפון. ווי מען זעט למשל בגשמיות, אז ווען א מענטש מוטשעט זיך זייער שווער אויף פרנסה, און שפעטער העלפט אים דער אייבערשטער און ער ווערט נתעשר - קוקט ער אָן די אלע טירחות און שוועריקייטן ווי גארנישט, כלפי דעם פארדינסט וואס ער האט פארדינט דורכדעם. אזוי אויך, איז דער ריוח וואס מיר וועלן פארדינען פון דעם גלות - פון אלע צרות און יסורים וואס מיר האבן געליטן דורכאויס דעם לאנגן גלות - 'אלפי אלפים' אָן קיין שיעור מער. און דעריבער האט יעקב אבינו נישט געזען קיין צרות בכלל, וויבאלד ער האט געוואוסט וואספארא טובה און מתנה עס ליגט אין דעם גלות; א בחינה וואס די גמרא זאגט

(פסחים פז:): **"צדקה עשה הקדוש ברוך הוא בישראל שפזרן לבין האומות".**

#### אריינגעברענגט אין די קינדער א חיות אינעם 'זיסן' גלות

**יעקב** אבינו האט אודאי אויך געלערנט מיט זיינע קינדער די אמונה אין דער גאולה שלימה, און וויבאלד ער האט דאך געוואוסט ברוח קדשו דעם ליכטיגן עתיד פון כלל ישראל - כאטש ער האט דאס נישט געמעגט 'מגלה' זיין צו זיי; ווי מען וועט ווייטער מסביר זיין, האט ער אבער געהאט א כח אריינצוברענגען אין זיינע קינדער א הרגש אינעם געוואלדיגן עתיד וואס עס ווארט פאר כלל ישראל! אז כאטש זיי זעען נישט דאס וואס ער זעט, דאך זאלן זיי האבן אזא שטארקע אמונה אינעם געוואלדיגן אור און השגה וואס אידן וועלן דעמאלט האבן, און אין דעם ליכטיגן נצחיות וואס אידישע קינדער וועלן זוכה זיין, אזוי ווייט, אז דער גאנצער גלות זאל זיי ווערן זיס! דער **נועם אלימלך** דרוקט זיך שטענדיג אויס מיטן לשון: 'גלות המר' - דער ביטערער גלות. אבער יעקב אבינו האט אריינגעברענגט אין די קינדער א הרגש, צו שפירן אז דאס איז 'גלות המתוק' - א זיסער גלות! ווייל צי איז דען פאראן א זיסערע זאך, פון א גלות וועלכע וועט ברענגען אזא נצחיות'דיגע גוטס און ליכטיגקייט פאר אידן? און דערפאר האבן אידן געהאט גוטע צייטן די זיבעצן יאר וואס יעקב אבינו האט געלעבט אין מצרים.

#### ער וויל 'מגלה' זיין די 'ליכטיגקייט' פונעם קץ

**יעקב** אבינו האט אבער געוואוסט ביי זיך, אז דאס איז נאר גוט ווילאנג ער לעבט. ווייל ער האט דאך געהערט דעם 'אנכי אעלך גם עלה' פונעם אייבערשטן אליינס, ממילא האט ער געהאט די גרויסע השגה אין דעם נצחיות פון כלל ישראל, און ער האט דאס אויך געקענט אריינברענגען 'בדרך אמונה' אין זיינע קינדער. אבער עס וועט דאך נישט אלעמאל זיין קיין יעקב אבינו, און דעמאלט וועט מען דאך אנקומען צו אזא מין 'חשכות הגלות', נו, ווי וועט מען זיך דעמאלט מחזק זיין? דערפאר האט ער געזאגט: **"הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים"** - איך וועל אייך מגלה זיין דעם 'קץ' - דאס מיינט נישט דעם 'זמן הקץ', 'ווען' די גאולה וועט זיין, ווייל דאס וואלט דאך טאקע נישט געוועז קיין שום אויפטוה; ווי

דער זרע קודש זאגט. נאר יעקב אבינו האט געוואלט מגלה זיין דעם **מהות** פונעם 'קץ'! ער האט געוואלט אריינברענגען אין אידן אין אלע דורות אזא מין אור, אז זיי זאלן שוין יעצט זען בעיני שכל די טובות און געהויבנקייט וואס עס וועט זיין לעתיד ווען משיח וועט קומען. און דורכדעם וועלן זיי האבן א חיות אינעם לאנגן גלות - וואוסנדיג אז דער גלות ברענגט אזא גרויסן ליכטיגקייט.

**פון הימל וויל מען נישט אזא ליכטיגן גלות**

**זאגט** אבער רש"י: **"בקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו"** - די שכינה האט זיך אפגעטון פון אים, כדי ער זאל נישט מגלה זיין דעם אור וואס וועט זיין נאכן 'קץ'. ווייזט אויס, אז אויב וואלטן אידן במשך ימי הגלות געהאט אזא קלארע ידיעה אינעם אור פון לעתיד - איז עס שוין נישט קיין נסיון און עס הייסט שוין נישט קיין 'חשכות הגלות'. און עס קען גאר זיין, אז דורך אזא סארט גלות, וואלט מען נישט געקענט זוכה זיין לעתיד צו אזא גרויסן אור; ווי געברענגט פונעם **עבודת ישראל**, אז לויט די גרויסע מאס פון פינסטערניש - אזוי גרויס וועט זיין די ליכטיגקייט פון לעתיד. און דעריבער 'נסתלקה ממנו שכינה' מען האט נישט צוגעלאזט פון הימל אז ער זאל מגלה זיין זיינע השגות פון לעתיד.

**יעקב אבינו'ס הסתלקות האט געמאכט שפירן דעם 'מרירות הגלות'**

**דערפאר** זאגט רש"י: **"כיון שנפטר יעקב אבינו נסתמו עיניהם ולבם של ישראל מצרת השעבוד שהתחילו לשעבדם"**. די אויגן און הארץ ווייזט אויף שכל און השגה. ווי נאר יעקב אבינו איז נסתלק געווארן, איז זייער 'עיני השכל' און זייער 'לב מרגיש' געווארן פארשטאפט! זיי האבן שוין נישט געהאט דעם הרגש און חיות וואס יעקב האט זיי געהאט געגעבן בחייו אז דער גלות איז זיס און עס ברענגט אזא געוואלדיגן אור, זיי האבן פארלוירן דעם הרגש, און ממילא האבן זיי אנגעהויבן צו שפירן די 'צרות השעבוד' - וועלכע איז שוין פריער אויך געווען, נאר זיי האבן עס נישט געהאט געשפירט ווילאנג יעקב אבינו האט נאך געלעבט[א].



א מענין לענין הוסיף רבינו עוד דברים, ומפאת האריכות הצגנוהו פה: אינ'אמת'ן איז דער אור הגאולה באהאלטן אין דער תורה ווי דער זרע קודש (ד"ה האספו) שרייבט, אז אלץ וואס יעקב אבינו האט זיי געוואלט מגלה זיין - האט ער

**יוסף האט געזען דעם אור דלעתיד - פונקט ווי יעקב**

**יוסף** הצדיק איז דאך געווען דער 'בן זקונים' פון יעקב אבינו, און ווי רש"י (בראשית לז, ג) טייטשט: **"בר חכים הוא ליה, כל מה שלמד משם ועבר מסר לו"** - יעקב אבינו האט אים מגלה געווען די גאנצע תורה וואס ער האט געלערנט פון זיינע רבי'ס. ממילא קען אפשר זיין, אז אויך די השגה און דעם אור פון לעתיד, האט יעקב אים איבערגעגעבן. און דערפאר האט יוסף געהאט דעם זעלבן כח פון יעקב אבינו, אז אפילו אינעם גרעסטן חשכות הגלות, האט ער נאר געזען דעם נצחיות'דיגן אור וואס וועט ארויסקומען דורך דעם גלות! און דערפאר האט דער גאנצער גלות נישט פארנומען קיין פלאץ ביי אים! עס איז געווען ביי אים א 'גלות המתוק' - א זיסער גלות.

**יוסף בארואיגט די ברידער: דער גלות איז גאר גוט!**

**בשעת** ווען יוסף האט זיך מגלה געווען צו די ברידער און געזאגט: **"אֲנִי יוֹסֵף"**, האבן זיי פארשטאנען אז דא הייבט זיך יעצט אָן א גלות מצרים, און זיי זענען געווארן זייער פארשעמט, אז זיי האבן גורם געווען אזא ירידה פארן כלל ישראל בכלל און פאר יוסף בפרט. אבער יוסף - וואס ער האט געוואוסט דעם אור וועלכע וועט ארויסקומען דורכן גלות - האט זיי געזאגט: **"וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם וגו' וַיִּשְׁלָחֵנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם לָשׂוּם לָכֶם שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה"** - עס וועט נאך ארויסקומען דערפון א גרויסע ישועה - וואס דער גאנצער גלות וועט זיך האבן געלוינט פי כמה!

באהאלטן ברמז אין די פסוקים פון די ברכות וואס ער האט זיי געגעבן, וואס דארט ליגט באהאלטן דעם גאנצן סוד פון דער גאולה. און אזוי זעט מען אויך אין מדרש (הובא בבני יששכר מאמרי תמוז ה, ד): "אלמלא הנחמות שמסר הקדוש ברוך הוא לנביאיו לא היו יכולין ישראל לסבול עול הגלות, אבל כיון שנכתבו הנחמות על ידי הנביאים הנה באים ישראל לבתי כנסיות ובתי מדרשות ורואים דברי הנביאים והם מתנחמים" - דער גאנצער כח וואס אידן האלטן אויס דעם גלות, איז נאר פון דעם וואס זיי לערנען די נבואות'ן וואס די נביאים האבן געזאגט אויף לעתיד, און פון דעם נעמען זיי חיות. ווייל דער אור ליגט בעצם אין דער תורה, און ווען א איד לערנט תורה, ווערט איינגעזאפט אין אים א געוויסן חלק פונעם אור פון לעתיד, נאר מען זעט עס נישט אזוי קלאר ווייל דאס זענען דאך 'רמזים'. און דאס קען זיין פשט 'ונסתם ממנו'.

**ברענגט אהער דעם טאטן - ער וועט אייך עפענען די אויגן!**

**עס** קען זיין, אז וויבאלד יוסף האט נישט געהאט געהערט פונעם אייבערשטן אליינס דעם 'אנכי אעלך גם עלה', נאר ער האט בלויז געלערנט תורה פון יעקב אבינו, וואס ער האט אים מגלה געווען דעם אור דלעתיד - האט יוסף געהאט דעם כח נאר פאר זיך אליינס, אבער ער האט נישט געהאט דעם כח אריינצוברענגען אט דעם הרגש אין זיינע ברידער. דערפאר האט ער געזאגט: "**מַהֲרוּ וַעֲלוּ אֶל אָבִי וגו' רְדָה אֵלַי אַל תַּעֲמֹד**" - ברענגט שנעל אראפ דעם פאטער אהער, און ער וועט אויפן וועג באקומען דעם דיבור מפי ה' פון 'אנכי אעלך גם עלה', און דורכדעם וועט ער אייך אלע עפענען די אויגן און ווייזן וואספארא גוטער מצב און וואספארא חסד ה' דאס איז, אז מיר זענען דא אין גלות! ער וועט אייך געבן א חיות אויסצוהאלטן דעם גלות, און צו שפירן אז דער גלות איז א געוואלדיגע טובה! און דעמאלט וועט עטץ זיך נישט שעמען מער אז עטץ האט דאס גורם געווען, פארקערט, עטץ וועט זען אז עטץ האט א 'זכות' אינעם צוברענגען אז דער גלות זאל זיך שוין אנהייבן. און אזוי איז טאקע געווען די גאנצע זיבעצן יאר וואס יעקב אבינו האט געלעבט אין מצרים.

**נאך יעקב'ס פטירה האט זיך נאכאמאל אויפגעוועקט דער 'כי נבהלו מפניו'**

**זאגט** אבער דער פסוק: "**וַיִּרְאוּ אֲחֵי יוֹסֵף כִּי מֵת אֲבִיהֶם**". די ברידער האבן 'איינגעזען' מיט די עיני השכל אז דער טאטע איז געשטארבן, וויבאלד זיי האבן שוין נישט מער געהאט דעם הרגש - וואס זיי האבן געשפירט בשעת ווען דער טאטע האט געלעבט - אז דער גלות איז זיס ווי צוקער, נאר זיי האבן אנגעהויבן שפירן אז דער גלות איז אזוי ביטער און פינסטער. נו אויב אזוי, האבן זיי נאכאמאל אנגעהויבן שפירן דעם זעלבן בושה און פחד - וואס זיי האבן געשפירט בשעת ווען יוסף האט זיך מגלה געווען צו די ברידער, און זיי האבן געטראכט: "וואס האבן מיר דא געטון, אז מיר האבן פארקויפט יוסף'ן און אים אראפגעברענגט אין אזא גלות המר? מיר האבן דאך אים מורא'דיג שלעכטס געטון!". און דערפאר שטייט: "**וַיֹּאמְרוּ לוּ יִשְׂטְמֵנוּ יוֹסֵף וְהָשֵׁב יָשִׁיב לָנוּ אֵת כָּל הָרָעָה אֲשֶׁר גָּמַלְנוּ אֹתוֹ**" - זיי האבן מורא געהאט אז יוסף וועט האבן א שנאה צו זיי,

ווייל יוסף האט דאך זיי קיינמאל נישט געזאגט אז ער איז זיי מוחל, נאר ער האט זיי געזאגט, אז זיי האבן געטון בלויז גוטס מיטן פארקויפן. אבער יעצט, אז זיי האבן אנגעהויבן צו שפירן, אז דער גלות איז שוין גארנישט אזוי פיין און וואויל, אויב אזוי האבן זיי מורא געהאט, אז מן הסתם שפירט יוסף אויך דעם חשכות הגלות, און ער איז יעצט שוין יא מקפיד אויף זיי - פארוואס זיי האבן אים פארקויפט.

### יוסף פארשטייט נישט פארוואס זיי דארפן אים איבערבעטן

**אבער** יוסף האט בכלל נישט פארשטאנען וואס איז מיט זיי פלוצלינג געשען. ווייל ער האט דאך געהאט מקבל געווען די גאנצע תורה פונעם טאטן, ממילא האט ער געשפירט אויך יעצט - נאך יעקב'ס פטירה - אז דער גלות איז זיס ווי צוקער. און דערפאר האט ער זיך געהאלטן ביי זיינס: "**אֱלֹקִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה לְמַעַן עֲשֹׂה כַּיּוֹם הַזֶּה לְהַחֲיֹת עַם רָב**" - דער גלות איז בלויז גוט! עס וועט דאך ארויסקומען דערפון אזא חיות און נצחיות פאר כלל ישראל! עטץ האט נישט גורם געווען קיין שום שלעכטס מיטן מכירת יוסף.

### עשרה הרוגי מלכות איז געווען א כפרה אויף מכירת יוסף

**זאגט** אבער דער רבינו בחיי, אז דא איז געבליבן א חטא פון מכירת יוסף, וויבאלד יוסף האט נישט געזאגט אז ער איז זיי מוחל. און די סיבה פארוואס יוסף האט זיי נישט מוחל געווען בפה מלא, קען זיין לפי דברינו, ווייל יוסף האט דאס בכלל נישט אנגעקוקט ווי א 'חטא' אז ער זאל זיי דארפן בכלל מוחל זיין, ווייל ער האט נישט פארשטאנען: "וואס 'חטא'? וואס 'פשע'? וואס 'רעה'? עטץ האט דאך געברענגט דעם געהויבענעם תכלית און נצחיות פארן כלל ישראל!".

**אבער** עס קען זיין, אז דאס איז נאר געווען גוט פאר יוסף אליינס, אבער די דורות שפעטער, האבן שוין נישט געהאט די השגות און אורות פון לעתיד, ממילא האבן זיי דאך געהאט צער און יסורים פונעם פינסטערן גלות, און דאס האט צוריק אויפגעוועקט דעם חטא פון מכירת יוסף - וועלכע יוסף האט למעשה קיינמאל נישט מוחל געווען - און ממילא האט מען געדארפט האבן די כפרה פון 'עשרה הרוגי מלכות'.

## דברי כיבושין

**היוצא לנו מזה:** אז דאס חיות פון אידן באלד [ווי זיי זענען אנגעקומען] אין מצרים, דאס איז אלעס געקומען דורך די צדיקי הדור! די צדיקי הדור האבן אריינגעבלאזן א חיות פונעם עתיד, אריינגעגעבן א חיות [און אן] אמונה. מען האט דאך נישט קיין השגה [אז] מיר זאלן פארשטיין וואס [דאס מיינט] דער 'לעתיד'. ליידער, אז עס איז אזא דור, ווי האלט מען ביי השגות? מען האלט ביי 'אמונה פשוטה'! ממש ביי אמונה פשוטה! אזויווי עס שטייט (שה"ר לו) אז 'בעקבתא דמשיחא' וועט מען דארפן זיך האלטן בכל הכוחות אין אמונה פשוטה! אין דער אמונה פון 'ביאת המשיח אף על פי שיתמהמה בכל זה אחכה לו בכל יום שיבוא'! ער זאל וויסן, [אז] דאס איז דער תכלית! אז מען גלייבט, אז דער אייבערשטער וועט שיקן משיח'ן! אידן וועלן געהאלפן ווערן און אידן וועלן נתעלה ווערן! און אידן וועלן זיין א 'נצחיות' - אן 'עם נצחי' פארן אויבערשטן! און די אלע גוים וועלן אינגאנצן פארלענדט ווערן, און אידן וועלן שוין זען [דעם] "ונשגב שמו לבדו"! [עס וועט זיין] "ויותר יעקב לבדו"! עס וועט זיין לעכטיג פאר יעדן איינעם!

**אבער** דאס דארף צוגיין מיט 'אמונה פשוטה', צו גלייבן [און] זיך צו האלטן פעסט, "צדיק באמונתו יחיה" - דאס דארף מען אין זיך ארייננעמען און שרייען און ארבעטן מיט זיך, און זאגן די אני מאמין'ס באמונה שלמה.

**אזויווי** דער צאנזער רב, האט אמאל געזאגט צום קאמינקער רב, [זיי האבן זיך גע'טענה'ט] לעתיד ווער [פון זיי] עס וועט זיין דער 'רבי' [און] ווער עס וועט זיין דער 'פוסק'. האט רבי שלום קאמינקער געזאגט פארן צאנזער רב: "דו וועסט זיין [דער רבי], פארוואס? ווייל איך האב דיך געהערט זאגן 'אני מאמין', האסטו מיך ארויסגעווארפן פון בעט ארויס!".

**און** דער צאנזער רב האט געזאגט: "אני מאמין באמונה שלמה" [און אזוי] די גאנצע אני מאמין'ס, "בביאת המשיח", האט ער געזאגט: "דו האסט דאך נעכטן אויך אזוי געזאגט?", זאגט ער: "היינט גלייב איך ממש באמונה שלימה!". [האט ער געזאגט]: "נעכטן האסטו דאך

אויך אזוי געזאגט?". הכלל, איז ער נאכאמאל איבערגעגאנגען און נאכאמאל איבערגעגאנגען.

**דאס** איז דער תכלית, וואס יעדן טאג ווערט נתחדש נסיונות, יעדעס יאר ווערט דער גלות מער, און מען דארף זיך מחזק זיין מיט 'אמונה פשוטה', און מיט די מסורת פון אבותינו ורבותינו הקדושים.

**אודאי**, ווען מען האט געהערט דעם הייליגן רבי'ן, ווען עס איז געקומען [פרשת] ויחי, האט ער אנגעהויבן: "ויחי יעקב, כיון שנפטר יעקב - האט ער אנגעהויבן צו זאגן מיט די כוחות הקדושים - נסתמו עיניהם". יעדן איינעם וואס האט דאס געהערט, האט עפעס אנגעהויבן צו פיהלן: "אַה, עס טוט זיך דא, אַה, מען גייט עפעס אריינגעבן א חיות, עס קומט יעצט ווערטער וואס וועלן דערקוויקן אידישע קינדער אין גלות"; ווי דער צאנזער רב האט געזאגט: "צו זאגן א ווארט וואס זאל דערקוויקן אידן אין גלות, קען נאר רבי אלימלך רודניקער". און דאס איז געוועזן [ביי] דער רבי זכרונו לברכה, וואס האט אנגעהויבן צו רעדן און צו זאגן דיבורים, איז ממש מען האט אנגעהויבן צו פילן פלאַסטערס [באנדאזשעס] אויפן הארץ, איין פלאַסטער [און] נאך א פלאַסטער. אידן זענען געווען צובראכן, עס איז דעמאלט נישט געווען בעסער אסאך ווי היינט, [אידן האבן געהאט] צרות פארשידענע בפרטיות ובכלליות. אבער ווען ער האט אנגעהויבן צו זאגן די דיבורים הקדושים, איז דאס געווען א חיות וואס האט נישט קיין שיעור.

**בעוונותינו** הרבים זענען מיר פאראַרימט געווארן. "ביקש לגלות ונסתם ממנו", עס איז נסתם געווארן אפילו דער בחינה פון 'לגלות', פון הערן פון דעם צדיק אמת דיבורים הקדושים, האט מען דאס אויך [צוגענומען], אזוי ווייט א גלות נעבעך, וואס מען קען נישט הערן קיין ווארט, ווי הערט מען עפעס א אמת'דיג ווארט? ווי הערט מען עפעס עס זאל דערפרייען א אידיש הארץ? א אידישע נשמה? על כל פנים, זיינע דיבורי קודש איז דאך געדרוקט און עס איז דאך דא און מען געדענקט דאך.

**מען** קען זיך פאַרשטעלן, אז ווען ער האט אנגעהויבן צו זאגן דיבורים, קען מען פארשטיין - לויט דער בחינה [וואס מען האט געהערט]

פון די שבטים מיט יעקב אבינו - וואספארא חיזוק [דאס האט געגעבן]. אז [מען האט געזען ווי] א איד האט געקאנט אזוי אין דער תורה הקדושה, אזוי זיך מתאמץ זיין אין דער תורה. ווער עס האט געהערט, זיין 'זאגן' איז געווען א שטיק תורה; אזויווי דער ישמח משה זאגט (פר' בשלח ד"ה ויאמר משה אל יהושע): אן 'עצם התורה'! א 'שטיק אמונה'! א 'שטיק חיות'! א שטיק עבד ה'! א שטיק 'יראת שמים'! א שטיק 'רצון השם' און א שטיק רצון צו העלפן אידישע קינדער - אז א איד זאל נישט חלילה מפותה ווערן און חלילה זיך רוקן אוועק פון אמת'דיגן דרך. ממילא, דאס דארף מען געדענקען, אז די דיבורים [און] די כוחות מסתמא זענען נאך דא, מיר זענען מאמינים שלמים, אז דאס זענען די כוחות געווען [פאר כלל ישראל] עד ביאת גואל צדק.

**זאל** דער אויבערשטער העלפן, ער זאל מעורר זיין און [עס זאל] נתעורר ווערן נסים ונפלאות, עס זאל שוין נתעורר ווערן דער רחמים און דער רצון, און מען זאל שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל יוֹסֵף רְאֹה פָנֶיךָ לֹא פִלָּלְתִּי וְהִנֵּה הֶרְאָה אֹתִי אֱלֹקִים גַּם אֶת זַרְעֶךָ.

**יעקב** האט געזאגט צו יוסף: איך האב נישט געטראכט אז איך וועל נאך אמאל זען דיין פנים, און דער אייבערשטער האט מיר געוויזן אפילו דיינע קינדער.

**א)** לכאורה איז שווער: פארוואס טאקע האט יעקב בכלל נישט געהאפט אז ער וועט נאך זען יוסף'ן? א איד טאר דאך קיינמאל נישט אויפגעבן זיין האפענונג?

**ב)** אויבן אין פרשת וישב שטייט (בראשית לז, לה): "**וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם**", יעקב האט זיך נישט געלאזט טרייסטן אויף יוסף'ן. און רש"י איז דארט מסביר דעם טעם דערצו: "**אין אדם מקבל תנחומין**

**על החי וסבור שמת שעל המת נגזרה גזירה שישתכח מן הלב ולא על החי"** - א מענטש לאזט זיך נישט טרייסטן אויף א לעבעדיגן מענטש. פרעגט דארט דער **דברי יחזקאל:** "אויב אזוי, וואלט דאך יעקב געדארפט פון דעם אליינס ארויסנעמען א קלארע ראיה, אז יוסף לעבט נאך?". דער דברי יחזקאל ענטפערט דארט על פי דרכו, אז עס איז נישט געווען אזא קלארע ראיה דערפון. אבער עס דארף נאכאלץ א ישוב. אויך, ווערט נאך שווערער די ערשטע קושיא: פארוואס האט יעקב אויפגעגעבן האפענונג צו טרעפן יוסף - **"רְאֹה פָנֶיךָ לֹא פִלָּלְתִּי"** - נאך וואס ער האט געהאט א שטיקל 'ראיה' אז ער לעבט נאך?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. רש"י זאגט אויפן פסוק (בראשית לז, ג): **"כי בן זקונים הוא לו"** - **"שהיה זיו איקונין של יוסף דומה לו"** - יוסף ברוב קדושתו, האט געהאט די הייליגע צורה פון יעקב אבינו. און שטענדיג, ווען יעקב אבינו האט אים אנגעקוקט, האט ער געזען ווי זיין צורה שיינט אים מיט א געוואלדיגע קדושה. נאכדעם וואס יוסף איז פארלוירן געווארן, האט יעקב אבינו מורא געהאט, אז ווער ווייסט צי יוסף האט נאכאלץ די הייליגע צורה - נאכדעם וואס ער איז שוין אזוי לאנג נישט געווען אין מיין הייליג הויז.

**דערפאר,** כאטש וואס יעקב האט קיינמאל נישט אויפגעגעבן דעם האפענונג צו טרעפן יוסף - וואס דאס איז דאך א זאך וואס איז תלוי נאר ביד ה', האט ער אבער געטראכט, אז אפילו ווען ער וועט שוין טרעפן יוסף, ווער ווייסט צי ער וועט נאך האבן די הייליגע צורה וואס ער האט אמאל געהאט. און דאס איז דאך א זאך וואס איז תלוי אין דער 'בחירה' פונעם מענטש, און דעריבער איז נישט שייך קיין בטחון ביי דעם.

**דאס** האט יעקב אבינו געזאגט: **"רְאֹה פָנֶיךָ לֹא פִלָּלְתִּי"** - איך האב נישט געטראכט אז איך וועל נאך זוכה זיין צו זען 'דיין הייליגע צורה' וואס איך האב געקענט פון פריער, ווייל איך האב מורא געהאט אז אפשר ביסטו שוין אראפגעפאלן פון דער מדרגה - זייענדיג צווישן גוים אזוי לאנג. אבער ביז דערווייל: **"וְהִנֵּה הֶרְאָה אֹתִי אֱלֹקִים גַּם אֶת זַרְעֶךָ"** - איך האב זוכה געווען צו זען, אז נישט בלויז דו ביסט געבליבן מיט דער זעלבער הייליגער צורה, נאר אפילו דיינע קינדער מנשה

און אפרים, האבן אויך א הייליגע אידישע צורה[ב], און זיי זענען אויך נישט מגושם געווארן אין מצרים.

## וַיְבָרֶךְ אֶת יוֹסֵף וַיֹּאמַר הָאֱלֹקִים אֲשֶׁר הִתְהַלְּכוּ אֲבֹתַי לְפָנָיו וגו' הָאֱלֹקִים הָרֹעֶה אֹתִי מֵעוֹדִי וגו' הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל רָע יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים וגו'.

**יעקב** האט געבענטשט יוסף'ן: דער אייבערשטער וואס מיינע עלטערן זענען געגאנגען פאר אים (אים געדינט), וואס ער האט מיר אייביג געשפייזט, און דער מלאך וואס דער אייבערשטער האט געשיקט מיר אויסצולייזן פון אלעם שלעכטן, דער באשעפער זאל בענטשן די קינדער.

**א)** לכאורה איז שווער: ער הייבט אָן מיטן ענין פון עבודת ה', אז מיינע עלטערן זענען געגאנגען פאר אים, און ווען עס קומט צו זיך, רעדט ער וועגן גשמיות, אז ער האט מיר געשפייזט? ער וואלט געדארפט ענדיגן 'דער אייבערשטער וועמען **איך** האב געדינט'?

**ב)** בכלל איז שווער צו פארשטיין: בשלמא דאס וואס ער דערמאנט דעם ענין פון 'התהלכו אבותי לפניו', איז כדי מזכיר צו זיין די זכותים פון אברהם און יצחק, אבער וואס איז דער שייכות דא צו דערמאנען די חסדים וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אים, אז ער האט אים געשפייזט - צו דעם ענין פון בענטשן די קינדער?

**ג)** אינם 'חק' (ליום שלישי) ברענגט ער דעם זוהר הק' (ח"א רכט.), אז "המלאך הגואל אותי מכל רע" גייט ארויף אויפן ענין פון 'לא נמצא פסול בזרעו', אז אלע זיינע קינדער זענען געווען ערליך. לכאורה וואספארא א שייכות האט דאס מיטן **הָאֱלֹקִים הָרֹעֶה אֹתִי מֵעוֹדִי וגו'**?

---

ב עי' כעי"ז בייטב לב.

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער כח אז א מענטש זאל זוכה זיין צו גוטע קינדער, איז בפשטות דורכדעם וואס דער מענטש איז אליינס א תלמיד חכם און אן עובד ה׳, וואס דורכדעם גייט איבער דער כח התורה צו זיינע קינדער. אבער אפילו אויב א מענטש איז נישט אין דער גרויסער דרגא, איז נאכאלץ שייך אז ער זאל האבן גוטע קינדער, דורכדעם וואס ער איז זיי מגדל לתורה, ער איז זיי מחנך מיט אן ערנסטקייט, און דורכדעם קענען די קינדער אויסוואקסן לשם ולתפארת. עס איז אבער פאראן איין תנאי אין דעם, אז דאס געלט וואס ער ברענגט אין שטוב און איז דערמיט מפרנס די קינדער, זאלן זיין ריינע כשר׳ע געלט, ווייל אויב איז דאס געלט נישט קיין כשר געלט, וועט פון דעם נישט קענען וואקסן קיין ערליכע דורות; ווי דער אגרא דכלה זאגט (פרשת שופטים ד״ה כי השוחד): אז דער ׳כח הפועל׳ גייט אריין אינעם ׳נפעל׳, און דורכדעם דערקענט זיך עס שפעטער אין די דורות.

**געווענליך** א קינד האלט טייער זיין טאטן, אפילו אויב זיין טאטע איז א פשוט׳ער איד, וויבאלד דער טאטע האט געהאנדלט ערליך און אים געשיקט לערנען תורה, איז ער אים מחשיב און מייקר. אויב אבער, דער טאטע האט אויסגעהאלטן די שטוב מיט נישט ריינע געלט, דעמאלט זענען די קינדער נישט מחשיב דעם טאטן, ווייל ער האט אריינגעברענגט אין זיי א השפעה וואס טויג נישט.

**יעקב** אבינו איז געקומען דא בענטשן די קינדער, אז זיי זאלן האלטן טייער זייער ׳יחוס׳, וואס דאס איז א געוואלדיגע ברכה פאר א איד אז ער איז זיך מייחס מיט זיינע אבות; ווי דער אור החיים הק׳ דא טייטשט דעם פסוק: ״וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי״ - זיי זאלן האלטן טייער (פון לשון ׳יקר׳) מיין נאמען. אבער יעקב אבינו ברוב ענותנותו האט געהאלטן, אז ער איז נישט אין דער דרגא ווי אברהם און יצחק אז מען זאל אים אויך מחשיב זיין צוליב זיין תורה ועבודה, נאר מען קען אים מחשיב זיין בלויז מיט דעם, וואס ער האט אויסגעהאלטן זיין שטוב בדרך היתר, מיט כשר געלט.

**דאס** האט יעקב אבינו געזאגט: ״**הָאֱלֹקִים אֲשֶׁר הִתְהַלְּכוּ אֲבֹתַי לְפָנָיו**״ - מיינע עלטערן האבן געדינט דעם אייבערשטן, און מיט זייער

עבודת ה׳ זאלן זיך די קינדער בארימען, און **"הָאֱלֹקִים הָרֹעֶה אֹתִי מֵעוֹדִי"** - ביי מיר איז דא איין זאך וואס זיי קענען מיר מחשיב זיין, אז די אלע געלטער וואס איך האב געהאט, איז געווען כשר געלט וואס דער אייבערשטער האט מיר געשפייזט, און איך האב קיינמאל נישט נהנה געווען פון קיין נישט כשר׳ע געלט! און אין דעם זכות האב איך זוכה געווען צום **"הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל רָע"** - אז עס איז נישטא קיין ׳פסול בזרעי׳; ווי דער אויבנדערמאנטער אגרא דכלה, אז דאס דערקענט זיך אין די דורות שפעטער. און ממילא האט ער אויסגעפירט: **"וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבֹתַי אַבְרָהָם וְיִצְחָק"** - דורכדעם זאלן זיי האלטן טייער מיין נאמען - צוליב מיין האנדלען ערליך, און דעם נאמען פון אברהם ויצחק - צוליב זייער עבודת ה׳. און דורכדעם וועט זיין: **"וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ"** - וועלן זיי ווייטער גיין אויף דעם וועג, און אויפציען ערליכע אידישע דורות.

**על** כל פנים, זעט מען פון דעם, ווי ווייט מען דארף זיך היטן, אז די פרנסה זאל זיין בדרך היתר, ווייל יעדעס ביסל וואס איז נישט אויסגעהאלטן, דערקענט זיך שפעטער אין די קינדער און די דורות.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אז מיר זאלן זוכה זיין צו פרנסה בהרחבה, בריוח און בהיתר, און צו דורות ישרים ומבורכים עד ביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

## וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת אֲשֶׁר יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים.

**רש"י** זאגט: **"בקש לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה"**. יעקב אבינו האט געוואלט אויסזאגן ווען משיח וועט קומען, אבער די שכינה איז אוועקגעגאנגען פון אים.

**א)** לכאורה דארף מען פארשטיין: פארוואס האט יעקב געוואלט אויסזאגן דעם קץ? וואס וועלן אידן האבן דערפון, אז

זיי וועלן הערן אז מען דארף נאך ווארטן אזא לאנגע צייט? און אויב האט ער געהאט אן ענין דעריין, נו, פארוואס איז טאקע נסתלקה ממנו שכינה?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. עס איז דאך באקאנט, אז עס איז פאראן צוויי זמנים פון גאולה, איינס איז 'בעתה' - וואס דאס איז א באשטימטע צייט וואס טוישט זיך נישט, און די צווייטע איז 'אחישנה' - וואס דאס איז א צייט וואס ווענדט זיך אין די מעשים און תפלות פון אידישע קינדער.

**עס** קען זיין, אז יעקב אבינו האט געוואלט מגלה זיין דעם זמן הגאולה פון 'בעתה', כדי אידן זאלן זען וואספארא לאנגן גלות עס ווארט זיי אפ, און דורכדעם וועלן זיי שטארק איינרייסן מיט תפלה, ביז זיי וועלן מעורר זיין צו צואיילן דעם זמן און גורם זיין דעם 'אחישנה'.

**אבער "נסתלקה ממנו שכינה"**. ווייל פון הימל האט מען געוואוסט, אז אויב אידן וועלן נישט וויסן ווען די גאולה וועט זיין, וועלן זיי צושטעלן א געוואלדיגן 'כח האמונה'. ווייל אידן וועלן דאך זען ווי עס גייט דורך אזויפיל יארן, און די גאולה איז נאכאלץ נישט געקומען, און דאך וועלן זיי ווייטער ווארטן און האפן; ווי מען זאגט: "אחכה לו בכל יום שיבוא". ווידעראום, אויב וועלן זיי וויסן דעם זמן, וועט פעלן דער 'כח האמונה', ווייל זיי וועלן דאך פארשטיין פארוואס משיח איז נאכנישט געקומען, וויבאלד עס איז נאכנישט אנגעקומען די ריכטיגע צייט. און **אט דער שטארקער 'כח האמונה' פון 'אחכה לו' וועט אסאך מער צואיילן די גאולה, אז עס זאל זיין 'אחישנה' - ווי דער 'כח התפלה' וואס מען וועט איינרייסן דערויף**; ווי חז"ל זאגן (פסיקתא רבתי פרשה טו): **"מי פורע לכם ממלכות רביעית, נטרונא"** - אין וועלכן זכות וועט מען זוכה זיין צו דער גאולה פונעם לעצטן גלות? אינעם זכות פון ווארטן אויף דער גאולה.

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

### הרה"ק רבי שניאור זלמן ב"ר ברוך זי"ע - בעל התניא
### יומא דהילולא כ"ד טבת תקע"ג

**זיך געקליבן א חתן אין דער טונקל...**

**דער** זון פונעם בעל התניא זי"ע, דער רבי בער זי"ע (אדמו"ר האמצעי), האט גענומען פאר אן איידעם דעם טשערקאַסער, הרה"ק רבי יעקב ישראל זי"ע - זון פון הרה"ק רבי מאטעלע טשערנאבלער זי"ע. די מעשה איז געווען, אז דער בעל התניא איז געקומען קיין טשערנאבל זיך קלויבן א חתן פארן אייניקל. עס איז געווען דעמאלט אינמיטן די נאכט און עס איז נישט געווען קיין לעקטער, און רבי מאטעלע טשערנאבלער'ס קינדער זענען אלע געשלאפן דארט אין די וויגלעך. איז דער בעל התניא צוגעגאנגען צו די וויגלעך און אנגעטאפט דעם קאפ, און ווען ער איז אנגעקומען צום טשערקאסער האט ער געזאגט: **"אט דעם וויל איך!"**.

### הרה"ק רבי צבי אלימלך שפירא ב"ר פסח זי"ע - בני יששכר
### יומא דהילולא ח"י טבת תר"א

**די** מוטער פון בני יששכר איז געווען א פלומעניצע פונעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע. ווען דער בני יששכר איז געבוירן געווארן, האט זי געפרעגט פונעם רבי'ן ר' אלימלך וועלכער נאמען צו געבן. האט ער געזאגט: 'גיב א נאמען 'אלימלך'. די מוטער האט אבער נישט געוואלט געבן דעם נאמען אליינס בחייו פונעם רבי'ן ר' אלימלך, דעריבער האט זי צוגעגעבן דעם נאמען 'הערש'.

**שפעטער** ווען דער רבי ר' אלימלך האט איר געפרעגט: "נו, וועלכע נאמען האסטו געגעבן?", האט זי געענטפערט: "הערש אלימלך". האט ער געזאגט: "א הערש איז נישט קיין מיילעך"[ג].

ג דער פשוט'ער אויסדרוק מיינט צו זאגן, אז דער הערש איז נישט דער 'מלך' פון די חיות, נאר דער לייב. און דאס איז געווען אזא מליצה, צו זאגן אז טאמער ער וואלט געהייסן 'אלימלך' אליין וואלט ער געקענט אויסוואקסן נאך גרעסער.

### געקענט דעם קאזניצער מגיד

**דער** בני יששכר איז געווען א תלמיד פונעם רבי'ן פון לובלין זי"ע און פון רבי מענדעלע רימנוב'ער זי"ע. האט ער געהערט אמאל פון זיין רבי'ן דער רבי ר' מענדעלע רימנוב'ער זי"ע, אז "דער וואס האט נישט געקענט דעם קאזניצער מגיד, וועט נישט זוכה זיין צו קענען משיח'ן!". ווי דער בני יששכר האט דאס געהערט, האט ער זיך באלד אויפגעהויבן און געפארן קיין קאזניץ. איז געווען דארט א גרויסער עולם, און ער האט נישט געקענט זען דעם מגיד, האט ער זיך אויפגעשטעלט אויף א בענקל. דער קאזניצער מגיד האט אים באמערקט, האט זיך דער קאזניצער מגיד אנגערופן: "**בראיה בעלמא קני**".

**דאס** איז א געוואלדיגער גדלות פונעם בני יששכר, אז כאטש דער רבי ר' מענדעלע האט געזאגט, אז מען דארף 'קענען' דעם קאזניצער מגיד, האט ער מיט איין בליק באלד קולט געווען די נקודה און קענען-געלערנט דעם קאזניצער מגיד.

### התלהבות ביי נשמת אין לובלין

**דער** בני יששכר איז אמאל - זייענדיג ביים רבי'ן פון לובלין - צוגעגאנגען צום עמוד צו פסוקי דזמרה. ווען ער איז אנגעקומען צו נשמת, איז ער אריין אין אזא מין קאך, אז ער האט זיך צושריגן: "**וכל הלבבות ייראוך - יאָ הערש מיילעך! וכל קרב וכליות יזמרו לשמך - ניין הערש מיילעך!**". (ער האט גערעדט פון זיין מדרגה וואו ער האלט, אז ביי דעם 'כל הלבבות ייראוך' האלט ער שוין יא, און אויפן 'קרב וכליות יזמרו לשמך' דארף ער נאך ארבעטן...). און דער רבי פון לובלין, האט זיך אויסגעדרייט און געשטאנען און געקוקט אויף אים מיט הנאה...

### ער ווארט אויפן נשמת...

**רבי** אליעזר'ל דזשיקוב'ער זי"ע איז אמאל געגאנגען שפאצירן צוזאמען מיטן טאטן דער ראפשיצער רב זי"ע אין לאנצהוט. האט אים דער ראפשיצער רב געזאגט - ווייזנדיג אויפן בית החיים: "**זעסט? דא איז גוט צו ליגן!**". און איידער ער איז נסתלק געווארן האט מען אים טאקע געברענגט קיין לאנצהוט.

**די** גסיסה האט געדויערט זייער לאנג, און דארט זענען געווען דער צאנזער רב זי"ע, רבי שלום קאמינקער זי"ע, און מן הסתם אלע תלמידים פונעם ראפשיצער רב. און מען האט נישט געוואוסט וואס צו טון. האט דער צאנזער רב געזאגט: "עטץ זעט נישט וואס עס פעלט דא? מען דארף רופן דעם בני יששכר!". האט מען גערופן דעם בני יששכר, האט ער געהייסן אז מען זאל זאגן 'נשמת', און אזוי איז ער נסתלק געווארן.

**אין** לאנצהוט איז טאקע פון דעמאלט געבליבן דער מנהג צו זאגן 'נשמת' מיט א גוסס לא עלינו.

זעט אויס ער האט געווארט אויפן נשמת...[ד]

#### נתחבר ברוח הקודש

**דער** הייליגער צאנזער רב פלעגט ראש השנה איידער די תקיעות, אריינגיין צו זיך אין צימער און געלערנט. זענען געווען דארט צוויי יונגעלייט, רבי הערצקא ראצפערטער זצ"ל און דער דראגער רב זצ"ל, האבן זיי אויסגעווארט, און נאך וואס דער צאנזער רב איז ארויסגעגאנגען פונעם צימער, זענען זיי צוגעגאנגען און געקוקט וואספארא ספרים דער צאנזער רב האט געלערנט, האבן זיי געזען אז צווישן די ספרים איז אויך געווען א בני יששכר, האבן זיי זיך אביסל געוואונדערט דערויף, ווייל זיי זענען דאך געווען בערך אין די זעלבע יארן. שפעטער ביים טיש האט דער צאנזער רב געזאגט: **"היינטיגע חסידים קוקן נאך די רבי'ס וואס זיי לערנען, איך לערן נאר אין ספרים פון בעלי רוח הקודש"!**".

#### הלכה כמותו בחסידות

**עס** איז אמאל געווען א שמועס ביים קאלאשיצער רב זי"ע, איבער פארשידענע חומרות אין חסידות. האט דער רב געזאגט: "עס איז דאך דא א 'דרך פיקודיך' וואס לערנט אויס וויאזוי זיך צו פירן".



ד הערת המו"ל: אגב, די יציאת נשמה ביים רבין ז"ל (ביום י"ג מנחם אב תשפ"ג) איז טאקע געווען, ווען קרוב צו צוויי מנינים אידן האבן געענדיגט זאגן נשמת. זי"ע ועכי"א

און ער האט אויסגעפירט: **"די הלכה אין חסידות, איז ווי דער בני יששכר!"**.

**דער בעלזער רב און בני יששכר וואלטן עס ווען געמאכט...**

**מען** האט אמאל געפרעגט פונעם צאנזער רב זי"ע פארוואס ער מאכט נישט קיין ישיבה פאר בחורים - אזויווי דער חתם סופר און מהר"ם שיק. האט ער געענטפערט: "אויב מען וואלט געדארפט האבן ישיבות אין גאליציע, וואלט עס דער בעלזער רב (דער שר שלום) און דער בני יששכר געמאכט".

**דער** 'שיחת חולין של תלמידי חכמים' דארף א גרויסער לימוד. ווייל דער צאנזער רב איז געווען יונגער פון זיי מיט אפשר צען יאר, און אין לערנען האט ער זיך נישט געהאט וואס צו שעמען, ער איז דאך געווען א 'שר התורה', און דאך איז ער געווען אזוי בטל צום פריערדיגן דור, אז אויב זיי האבן נישט געמאכט קיין ישיבות, וויל ער אויך נישט מאכן!

**דאס** דערמאנט פון א ווארט, וואס דער קאלאשיצער רב זכרונו לברכה פלעגט זאגן, אויפן פסוק (שיר השירים א, ח): "אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן". האט ער געזאגט, אז אמאל וויל א מענטש מאכן שינויים אין אידישקייט, און ער טרעפט א מקור פון גאר פריערדיגע ספרים. אויף דעם זאגט דער פסוק: "צאי לך בעקב"י הצאן" - 'עקב' איז א לשון 'סוף', גיי אין די וועגן פון די לעצטערע מנהיגים דוקא! דאס הייסט, זיי נישט משנה פון דאס וואס דער לעצטער דור פאר דיר האט געטון, אפילו אויב די דורות ארויפצער האבן אנדערש געטון.

דאס הייסט 'התבטלות' צו איין דור פריער!

### רבי שמחה ישכר בער הלברשטאם ב"ר יחזקאל שרגא זי"ע - הרה"ק מציעשנוב
### יומא דהילולא כ' טבת תרע"ד

#### ווער זאגט אז מען דארף שפירן?

**רבי** איציקל מפשעווארסק זי"ע איז אמאל געפארן שבת מברכים אלול קיין קרעניץ, און רבי משה'לע שינאווער זי"ע איז אויך דארט געווען. ר' משה'לע האט ראש חודש געבענטשט, און רבי איציקל איז געשטאנען נעבן דעם ציעשנובער רב זי"ע בשעת ווען מען האט געבענטשט ראש חודש. און ער האט געהערט דעם ציעשנובער רב זאגן: 'ראש חודש אלול יהיה', איז רבי איציקל ארויס פון די כלים, און ער האט זיך ארומגעדרייט א לאנגע צייט מיט א דביקות. דער קאלאשיצער רב האט שפעטער געזאגט: "רבי איציקל האט געהאט התפשטות הגשמיות אין ציעשנוב". א יאר שפעטער איז רבי איציקל שוין געפארן קיין ציעשנוב אויף שבת מברכים אלול, אבער דאס מאל האט ער שוין גארנישט מרגיש געווען. שפעטערביים טיילן שיריים, איז רבי איציקל דורכגעגאנגען, האט אים דער ציעשנובער רב געפרעגט: "איציקל, האסט געשפירט?". האט ער געענטפערט: "ניין", האט אים דער ציעשנובער רב געזאגט: "ווער זאגט אז מען דארף שפירן?".

#### עס וועט זיי ציען צו אידישקייט...

**נאך** דער ערשטער וועלט מלחמה איז געווען א גרויסע ירידה אין אידישקייט ל"ע. האט דער קאלאשיצער רב געפרעגט דעם ציעשנובער רב: "פעטער, אויב די וועלט האט **יעצט** אזא פנים, וואס וועט נאך זיין אין פופציג יאר ארום?". האט ער אים געענטפערט: "מיר האבן בקבלה אז פאר ביאת הגואל וועט אראפקומען נשמות וואס וועט זיי ציען צו אידישקייט פון זיך אליינס!". האט רבי איציקל געזאגט: "דאס זעט מען היינט! כאטש עס איז נישטא די מנהיגים, אבער יעדער איד וויל זיין גוט!".

רבי איציקל איז נאך פון אונזער דור, און דאס זעט מען היינט אויך...

## הרה"ק רבי שלום מאסקאוויטש ב"ר מרדכי יוסף משה זי"ע, אדמו"ר משאץ
## יומא דהילולא כ"ב טבת תשי"ח

### געפארן ערנסט צום בעלזער רב

**דער** בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע האט געזאגט: "דריי אידן האב איך וואס פארן צו מיר ערנסט, דער שאצער רב, רבי פייבוש יאברובער, און דער דריטער וויל איך נישט זאגן, זאל יעדער מיינען אז איך מיין **אים**...".

### מסירות נפש פאר חינוך הבנים

**דער** עלטער-שווער דער שאצער רב, האט זיך אוועקגעצויגן פון שאץ במסירות נפש - כאטש ער האט געהאט דארט גאר א שיין רבנות - ווייל עס האט נישט געטויגט דארט אין אידישקייט האט ער מורא געהאט פארן חינוך הבנים. קודם האט ער זיך געצויגן קיין טורנא, אבער ער האט נישט געהאט דארט קיין שטיקל ברויט, עס איז געווען דארט עלטערע רבי"ס פון גאליציע. דערנאך האט ער זיך געצויגן קיין קעלן, דארט איז שוין געווען אביסל בעסער. דערנאך האט ער זיך געצויגן קיין לאנדאן און דורכדעם איז ער ניצול געווארן פון דער קריג.

### מחזק געווען אנצוהאלטן דעם לבוש

**נאכן** קריג זענען מיר קודם געווען אויף א קורצע צייט אין פאריז, און דערנאך זענען מיר געפארן קיין אנטווערפען, און פון דארט קיין אמעריקע. דער טאטע מיט די עלטערע ברידער האבן קודם באקומען די שריפטן צו פארן קיין אמעריקע, זענען זיי קודם געפארן. און די מאמע, איך און מיין ברודער רבי יהושע'לע אב"ד לאנצהוט זענען געבליבן דערווייל אין אנטווערפען. א קורצע צייט שפעטער האבן מיר אויך באקומען די נויטיגע שריפטן, און מיר זענען אויך געפארן קיין אמעריקע מיט די שיף. אויפן וועג האט די שיף זיך אפגעשטעלט אין לאנדאן. די מאמע האט געהערט, אז אין לאנדאן איז דא א צדיק דער שאצער רב זצ"ל, איז זי אריינגעפארן צום שאצער רב און זי האט זיך מזכיר געווען, אז היות זי פארט יעצט צו די מאדערנע אמעריקע, איז זי באזארגט אז עס זאל נישט האבן קיין השפעה אויף די קינדער נאכצולאזן חס ושלום פונעם חסיד'ישן

לבוש. האט דער שאצער רב איר שטארק מחזק געווען, אז זי זאל זיך גארנישט זארגן און דער אייבערשטער וועט העלפן.

**דערנאך** האט ער גערעדט צו אונז מיט א געוואלדיגע חביבות, זאגנדיג אז ער האט א געוואלדיגע הנאה צו זען ווי בחורים גייען אנגעטון מיטן גאנצן חסיד'ישן לבוש (עס איז דעמאלט געווען א זעלטענהייט). און ער האט געשמועסט מיט אונז, אז מיר זאלן זיין שטארק ביי זיך און זיך נישט צוהערן צו די וועלכע ווילן איינרעדן, אז אויב מען וועט זיך טוישן דעם לבוש - וועט מען בעסער אויסנעמען. ער האט אונז דעמאלט געזאגט: "א באלעבאס איז ווי דער שטן! פונקט ווי דער שטן, זאגן חז"ל (ב"ב טז.): "יורד ומשטין עולה ומקטרג" - קודם רעדט ער צו דעם מענטש צו זינדיגן, און דערנאך גייט ער ארויף און איז מקטרג אויף אים. אזוי אויך דער באלעבאס, קודם רעדט ער איין דעם רבי'שן אייניקל צו טוישן דעם לבוש, מיט דער טענה: "עס פאסט נישט צו גיין אנגעטון אזוי אלטמאדיש, מען דארף אביסל צופוצן די בארד און פיאות, מען דארף זיך אביסל אהערשטעלן!". און דערנאך, ווען דער רבי'שע אייניקל פאלגט אים שוין, טוישט ער דעם נוסח און ער זאגט אים: "ווי פאסט דאס אז א רבי'שע אייניקל זאל גיין אנגעטון אזוי מאדערן?". דעריבער דארף מען האבן שכל, און באלד ביים אנפאנג זיך נישט צוהערן צו די אלע עצות פון די באלעבאטישע אידן.

**בשעת'ן** שמועסן מיט אונז, האט דער שאצער רב אנגערופן מיר און מיין ברודער דער לאנצהוטער רב: "קינדערלעך"... און עס איז אינטערעסאנט, אז מיר ביידע זענען שפעטער געווארן זיינע אייניקלעך (מיין ברודער איז געווארן אן איידעם ביים טשאקאווער רב, וועלכער איז געווען אן איידעם ביים שאצער רב).

##### איך בין געווארן זיין גאסט בלויז האלב איינס...

**אין** יאר תשט"ז לפ"ק בין איך געפארן אויף חודש תשרי קיין ארץ ישראל צום בעלזער רב ז"ל. האט זיך דער פליגער אפגעשטעלט אין לאנדאן. בין איך אריינגעפארן צום שאצן זיידן. און דאס איז געווען דאס ערשטע מאל נאך דער חתונה (י' סיון שנת תשי"א) וואס איך האב אים בכלל געזען. ווען איך בין אריינגעקומען אין שטוב איז שוין געווען זייגער צוועלף ביינאכט. און ער האט געהאלטן אינמיטן

לערנען. קום איך אריין, גיבט ער מיר נישט קיין שלום עליכם, נאר ער גיבט מיר א זאג: "קוק וואס איך האב דא צוגעשריבן!", עס איז געווען אין יורה דעה הלכות מליחה, און ער ווייזט מיר: "דער רמ"א זאגט דא אזוי, און דא איז א סתירה פונעם ש"ך...". אזוי האט מען געשמועסט אין לערנען פאר א האלבע שעה. עס איז געקומען האלב איינס, וואס דעמאלט איז געווען זיין זמן קבוע ווען ער האט געענדיגט לערנען, האט ער פארמאכט דעם שולחן ערוך, און מיר געזאגט: "אה, שלום עליכם, וואס הערט זיך עפעס אין שטוב?".

**נאכן** שלום עליכם, האט ער מיר געוואלט מיט עפעס מכבד זיין, איז ער צוגעגאנגען צום פרידזשידער, און געטראפן דארט א שטיקל קענטעלאופ, וואס מען האט געדארפט אוועקשניידן א גרויס חלק דערפון... נעבעך דאס עניות איז געווען גרויס. אבער ער איז געווען א צופרידענער מענטש! ער האט זיך ארומגעדרייט מיט א צהלת פנים, ער איז געווען ממש 'מלא שמחה', מורא'דיג!

**דעם** קומענדיגן אינדערפרי, האב איך זוכה געווען צו משמש זיין אזא אדם גדול. איך האב אים געמאכט א 'בעלזער קאווע'. (דאס הייסט, אז אנשטאט אריינצולייגן הייס וואסער קאכט מען אויף די מילך אליינס). און איך האב געזען אז ער האט זיך מחיה געווען דערמיט.

**ווייזט** אויס, אז אפילו א גרויסער מענטש, איז פארהאן אמאל וואס מען קען אים מחיה זיין מיט א דבר גשמי.

**אן** ענליכע מעשה זעט מען ביים צאנזער רב. אז אינעם טאג וואס ער איז געקומען קיין צאנז משמש צו זיין ברבנות, זענען אריבערגעקומען די תלמידי חכמים און לומדים פון שטאט צו רעדן מיט אים אין לערנען, דער איז געקומען און דער איז געגאנגען, און אזוי האט דער צאנזער רב גערעדט אין לערנען א גאנצן טאג, פון נאכן דאווענען ביז פארנאכט - נישט האבנדיג גארנישט געגעסן. איז געווען דארט א איד וועלכער האט אויפגעכאפט אז דער צאנזער רב האט נאכנישט טועם געווען, האט ער געברענגט א טעלער הייסע קארטאפל, און דאס באהאלטן אונטערן מלבוש, און ער איז אריינגעקומען צווישן די אלע לומדים וועלכע זענען געזעסן מיטן צאנזער רב, און ער האט געזאגט: "דער רב זאל מיר מוחל זיין, אבער

איך מוז רעדן עפעס אן ענין זייער וויכטיג!". און דער צאנזער רב האט זיך אויפגעשטעלט און אריינגעגאנגען מיט אים אין א זייטיגן צימער, דארטן האט ער ארויסגענומען דעם טעלער און געבעטן אז דער רב זאל עסן. און דער צאנזער רב האט אים באדאנקט, אז ער האט אים ממש מחיה געווען.

**א מתנה א 'תיקוני זוהר'...**

**בערך** א יאר נאך מיין חתונה האט מיר דער שאצער זיידע געשיקט אויף חודש אלול א 'תיקוני זוהר', און ער האט דארט אריינגעשריבן א גאנצן בלאט. ער שרייבט דארט אז מען פירט זיך צו לערנען תיקוני זוהר פון ראש חודש אלול ביז ערב יום הכיפורים (אנדערש ווי די וואס פירן זיך צו לערנען במשך פון חודש אלול גופא אדער ביז הושענא רבה).

**אויך** שרייבט ער דארט שטארקע לשונות איבער דעם ענין פון לערנען זוהר. איך געדענק עטליכע לשונות וואס ער שרייבט: "**ועיין כאן, לא הרבה רק שיעור שירתיח די**". שפעטער שרייבט ער דארט: "**כי מי שאינו לומד כלל ספרי הקבלה הוא סומא שלא ראה מאורות מימיו**".[ה]

---

ה לחיבת הקודש זענען מיר מעתיק דא דעם גאנצן בריוו פון הרה"ק משאץ זי"ע:
**מתנה ממני לנכדי היקר המופלג בתוי"ר מענדלי יחי'.**
**מסתמא ידעת מנהגי אבותינו הק' וכל החסידים ללמוד ולע'** [-ולעיין] **בחודש אלול בהמצאו בכל יום ויום עד עיוכ"פ בתק"ז הק' לעורר לבנו האטום לשוב לפניו ית' לפקח עינינו פוקח עורים, צאי בעקבי הצאן וע'** [-ועיין] **כאן לא הרבה רק שיעור שירתיח די, או קודם התפלה או בתפלין דר"ת, ולא תאמר כי אינך מבין, היום ומחר ומחרתיים תבא להבנה, וכן תמיד, ובפרט בש"ק תלמוד מעט בס' הזוה"ק והיא מאירת עינים לידע מעט גדלות הבורא וגדלות הבריאה כולה בדצח"מ** [-בדומם צומח חי מדבר] **שברא הקב"ה בעולמו, כי מי שאינו לומד כלל ספרי הקבלה הוא סומא שלא ראה מאורות מימיו. אם תלמוד אי"ה אז תבין כי מה שכתבתי כאן הוא אמת וצדק.**
**כוח"ט** [-כתיבה וחתימה טובה] **עם ב"ב יחי' ונזכה לת'** [-לתשובה] **שלמה וקדושה וטהרה ותורה לשמה מחזרת על אכסניא שלה. שאל אביך ויגדך** [-היינו, תפרוס בשלום חמיך הגה"צ מוואידיסלב]**. כדוד לשאול, ע' יו"ד סי' ר"מ ס"ק יט** [בא לתרץ למה קראו בשם 'אביך', על זה ציין לשם. כי שם (סכ"ד) פסק המחבר: "חייב אדם לכבד חמיו". וציין הטו"ז ס"ק י"ט המקור מן המקרא (שמואל א כד, יא): "וְאָבִי רְאֵה גַּם רְאֵה אֶת כְּנַף מְעִילְךָ", שדוד קרא לשאול שהיה 'חמיו' בלשון 'אב', וא"כ גם הוא נכלל במצות 'כיבוד אב'. הרי, שיכולין לקרוא לחמיו בלשון 'אב'. וכאן לשון מליצה נופל על לשון מליצה: שא"ל אבי"ך. והבן לשון חכמים מרפא].
**שנה טובה ומבורכת.**
חיים **ושלום** ריש אלול שנת תשב"י.

**אראה לעורר רחמים...**

**מען** פארשפרייט היינט אין די צעטלעך, אז דער שאצער רב איז 'מבטיח' אז ווער עס וועט קומען אויף זיין ציון און זיך פארנעמען א דבר טוב, וועט ער 'זיכער' געהאלפן ווערן. אבער דאס איז נישט ריכטיג, ווייל ער שרייבט אין דער צוואה נאר דעם לשון: "אי"ה אראה **להשתדל** לעורר רחמים", ער וועט זיך 'משתדל' זיין מעורר רחמים צו זיין ביי זיינע הייליגע זיידעס, אבער ער זאגט עס נישט צו מיט קיין 'הבטחה'.

**זעט** אויס, אז מען וויל אים היינט גרעסער מאכן... אבער עס איז א בחינה פון 'מתוך חומרא שהחמרת עליו בתחלתו הקלת עליו בסופו', אז אויב א איד גייט אויפן ציון, און ער ווערט נישט געהאלפן, איז ער חלילה מזלזל. מען דארף שרייבן גענוי ווי ער האט געשריבן, און זיין זכות וועט אודאי מגין זיין.



צילום כת"י קדשו על התיקוני זוהר